בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס י"ט, פרשת ראה - שופטים, תשע"ח

# תוכן השיעור

'בא אל פרעה'

"דאס מיינט ער אונז"!...

"דא איז גוט צו ליגן"!

"ההרוגים על שמך"

"ציון המצוינת"

"שבירת הכלים"

"עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס"

"המכיר את מקומו"

**קו חדש!!!**

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

לבני חו"ל (ארה"ב) **1-646-585-2960**

ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 19

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל**Info@Breslevglobal.com**

# שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן

## ~ תחילת תו' ס"ד - שנת תשל"ד ~

(טייפ מס' 9#)

## 'בא אל פרעה'

(בתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תורה ס"ד אות א';)

[א] - - - וְזֶה הַצִּמְצוּם שֶׁל הֶחָלָל הַפָּנוּי, אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין וּלְהַשִּׂיג, כִּי אִם לֶעָתִיד לָבוֹא, כִּי צָרִיךְ לוֹמַר בּוֹ שְׁנֵי הֲפָכִים - אין דעם חלל דארטן איז געווארן די בריאה, קומט דאך אויס אז דארטן איז נישט דא אלקות, דארף מען זאגן; 'יֵשׁ וָאַיִן', כִּי הֶחָלָל הַפָּנוּי הוּא עַל־יְדֵי הַצִּמְצוּם, שֶׁכִּבְיָכוֹל צִמְצֵם אֱלֹקוּתוֹ מִשָּׁם, וְאֵין שָׁם אֱלֹקוּת כִּבְיָכוֹל, כִּי אִם לֹא כֵן אֵינוֹ פָּנוּי, וְהַכֹּל אֵין סוֹף, וְאֵין מָקוֹם לִבְרִיאַת הָעוֹלָם כְּלָל. אֲבָל בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, בְּוַדַּאי אַף־עַל־פִּי־כֵן יֵשׁ שָׁם גַּם כֵּן אֱלֹקוּת, כִּי בְּוַדַּאי אֵין שׁוּם דָּבָר בִּלְעֲדֵי חִיּוּתוֹ. וְעַל־כֵּן אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג כְּלָל בְּחִינַת חָלָל הַפָּנוּי, עַד לֶעָתִיד לָבוֹא.

דער "חלל הפנוי" - די גאנצער בריאה איז דאך געווארן אין חלל הפנוי, אלע עולמות איז אלם געווארן אין דעם "חלל הפנוי"! איז כביכול דארט נישט דא אלוקות, אז נישט האט דאך נישט געקענט זיין קיין בריאה! מוז מען זאגן "יש - ואין", און דאס קען מען נישט פארשטיין, נאר לעתיד וועט מען פארשטיין די זאך,

---

[א] ונעתיק כאן מתחילת לשון רביז"ל בספה"ק ליקו"מ הנצרך כאן להבנת הענין;

(אות א') כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵחֲמַת רַחֲמָנוּתוֹ בָּרָא אֶת הָעוֹלָם, כִּי רָצָה לְגַלּוֹת רַחֲמָנוּתוֹ, וְאִם לֹא הָיָה בְּרִיאַת הָעוֹלָם עַל מִי הָיָה מַרְאֶה רַחֲמָנוּתוֹ. וְעַל כֵּן בָּרָא אֶת כָּל הַבְּרִיאָה מִתְּחִלַּת הָאֲצִילוּת, עַד סוֹף נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלָם הַגַּשְׁמִי, כְּדֵי לְהַרְאוֹת רַחֲמָנוּתוֹ.

וְכַאֲשֶׁר רָצָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִבְרֹא אֶת הָעוֹלָם, לֹא הָיָה מָקוֹם לִבְרֹאוֹ מֵחֲמַת שֶׁהָיָה הַכֹּל אֵין סוֹף, עַל־כֵּן צִמְצֵם אֶת הָאוֹר לִצְדָדִין, וְעַל יְדֵי הַצִּמְצוּם הַזֶּה נַעֲשָׂה חָלָל הַפָּנוּי, וּבְתוֹךְ הֶחָלָל הַפָּנוּי הַזֶּה, נִתְהַוּוּ כָּל הַיָּמִים וְהַמִּדּוֹת, שֶׁהֵם בְּרִיאַת הָעוֹלָם (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּעֵץ־חַיִּים בִּתְחִלָּתוֹ). וְזֶה הֶחָלָל הַפָּנוּי, הָיָה מֻכְרָח לִבְרִיאַת הָעוֹלָם. כִּי בִּלְתִּי הֶחָלָל הַפָּנוּי, לֹא הָיָה שׁוּם מָקוֹם לִבְרִיאַת הָעוֹלָם כַּנַּ"ל.

וְזֶה הַצִּמְצוּם שֶׁל הֶחָלָל הַפָּנוּי אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין וּלְהַשִּׂיג... (- כמועתק למעלה בפנים המשך הדברים).

ווי קען זיין די ביידע צוזאמען, אי - ס'איז 'חלל' און ס'איז 'פנוי', און ס'איז פארט יא דארט דא אלוקות?!

לעתיד וועט דאס ווערן פארענטפערט די אלע קשיות, די אלע חקירות - דאס נעמט זיך אלעס פון חלל הפנוי, דארטן קען מען בשום אופן - אפילו די חקירות פון אזעלכע זאכן - מען וויל וויסן אלקותו יתברך, הנהגתו יתברך, דאס איז א ענין פון חלל הפנוי, דארטן קען מען בשום אופן נישט וויסן.

און ווער ס'גייט אריין דארטן איז "כל באיה לא ישובון" - וועט דער רבי זאגן ווייטער[ב] - אז מען קען דארטן בשום אופן נישט פארענטפערן! נאר "אמונה"!

דעריבער - זאגט דער רבי[ג] - הייסן אידן "עבריים", א לשון פון אריבערגיין, מיט אמונה גייען זיי אריבער - גייען זיי איבער אויף אלעס! מען גייט אריבער אלעס, אויף אלע כוואליעס, אויף אלע איבערגייעכצער - גייען זיי אלעס איבער נאר מיט "אמונה"! דערפאר הייסן זיי "עבריים", זיי גייען איבער! אבער מיט "שכל" קען מען בשום אופן נישט פארשטיין!!!

*

דער רבי וועט זאגן ווייטער,[ד] אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו: "בא אל פרעה", 'פרעה' איז דער 'חלל הפנוי', 'פרעה' איז טייטש 'אויפגעדעקט', 'התגלות', און 'פרעה' איז טייטש 'ביטול'! פרעה איז דער "חלל הפנוי", פרעה - דאס איז געווען אזא געוואלדיגע קליפה, אזא מין אפיקורסות איז געווען אין מצרים, אזא מין אפיקורסות, זיי זענען געווען אין "חלל הפנוי"! אזעלכע קליפות, אזעלכע מכשפים, אזעלכע מחקרים איז דארטן געווען!

און אז משה וויל ארויסנעמען די אידן פון מצרים, און זיי זענען דאך געווען תחת פרעה - ער איז דאך געווען דער מלך, תחת די רשות פון פרעה, זיי זענען געליגן רח"ל אין אזא מין סארט קליפה - אזא מין סארט אפיקורסות, מוז דאך זיין איינער

---

[ב] שם באות ב'.

[ג] שם.

[ד] שם אות ו'.

וואס ער קען אריינגיין אינעם חלל הפנוי, ער קען אריינגיין אין איהם, און דערמיט קען ער ארויסנעמען, קען ער ארויסנעמען!

האט דער אויבערשטער געזאגט משה; "בא אל פרעה", "דו גיי אריין אינעם חלל הפנוי", "נאר דו! דו קענסט אריינגיין דארטן"! פארוואס?! זאגט דער רבי ווייטער, ווייל אין די חלל הפנוי איז נישט דא קיין דיבורים צו פארענטפערן, דארט איז א "בחינת שתיקה", און משה האלט ביי די זאך פון "שתיקה"!

*

דער רבי וועט ווייטער זאגן,[ה] אז ס'שטייט ביי משה "כבד פה" - העכער ווי דער דיבור! "כבד פה" איז א בחינת "שתיקה", משה האט געהאלטן ביי דער בחינה, אז דארטן ווי ס'איז נישט דא קיין דיבורים (קען ער אריינגיין) - - "ווייל דו האלסט ביי העכער פון די דיבור, קענסטו דארט אריינגיין"! דארט איז דאך נישט דא קיין דיבורים צו פארענטפערן - אין חלל הפנוי, "דו האלסט ביי שתיקה - וואס איז למעלה מהדיבור"!

דער רבי ברענגט,[ו] [דער רבי דערמאנט עס אויך אין די תורה פון "כי מרחמם ינהגם"[ז]], אז משה רבינו האט געפרעגט אויף מיתת רבי עקיבא, "זו תורה וזו שכרה"? האט דער אויבערשטער געזאגט; שווייג!

קומט פון דאנעט אויס, אז משה האט געוואלט פרעגן די קשיא און דער אויבערשטער זאל ענטפערן דיבורים, און דארטן איז דאך נישט דא קיין דיבור, נאר משה איז געווען ביי זיך א "עניו", ער האט געהאלטן אז ער האלט נישט ביי קיין מדריגה פון "שתיקה"! ער פרעגט - וויל ער מען זאל ענטפערן בדיבור, האט השי"ת געזאגט "שתוק", דו האלטס ביי "שתיקה" האלטסטו! דו האלטסט ביי א העכערע מדריגה האלטסטו, דארטן ווי ס'איז נישט דא קיין דיבורים, דארטן קען אויך ווערן ביי דיר גוט.

"שתוק", איז דער פשט - דו האלסט ביי א העכערע מדריגה פון דיבור! פארוואס פרעגסטו די קשיא? דו ווילסט מען זאל דיר געבן דיבורים?! "דיבורים" איז דארטן

---

[ה] שם אות ג'.

[ו] שם.

[ז] תו' ז' תניינא.

נישט דא! דו האלסט אבער ביים "שתוק", וואס מיטן "מחשבה" אליין וועט דיר ווערן פארענטפערט!

משה האט געהאלטן ביי "שתוק", האט ער געקענט אריינגיין אין די "חלל הפנוי", קען ער אריינגיין אין די חלל הפנוי, אין דעם אפיקורסות אריין, אין דעם פרעה, - און פון דארט ארויסנעמען נשמות! צו וואס גייט ער דארטן? אויך צוליב דעם - כדי ארויסצונעמען פון דארט נשמות!

מען קען אבער נישט אריינגיין דארטן, ס'ליגן דאך אבער דארטן (נשמות ישראל) - ער איז דאך דער מערדער! זיי ליגן דאך אין זיין גבול - אין זיין רשות (- פון פרעה)! "נאר דו משה, דו קענסט אריינגיין"!

משה האט בשום אופן נישט געוואלט זיין (- להיות הגואל) ביי יציאת מצרים, האט דער אויבערשטער געזאגט; קיין אנדערער איז נישט דא! מען דארף דאך אריינגיין צו פרעה, און פרעה איז דער חלל הפנוי - דער קליפה, א אנדערער קען נישט אריינגיין צו פרעה! כאטש אהרן איז אזוי גרוים - האט ער אבער נישט געהאלטן דערביי, נאר מיט משה איז אהרן מיטגעגאנגען, אבער אהרן זאל קענען אריינגיין אין דעם - האט אהרן נישט געקענט בשום אופן! נאר משה אליין!

דער אויבערשטער מוז דאך מקיים זיין יציאת מצרים - - - און ער האט נישט וועמען צו נעמען, נאר משה! און משה וויל נישט, משה האלט זיך פאר אזא מין עניו, "מי אנכי" - ווער בין איך איך זאל גיין צו פרעה, אז פרעה איז א חלל הפנוי - אזא מין קליפה, ווער בין איך איך זאל קענען אריינגיין צו פרעה?! (אמר לו השי"ת); דו קענסט דארטן אריינגיין, נאר דו קענסט גיין צו פרעה, אבער אן אנדערער נישט, ממילא מוז די גאולה זיין נאר דורך דיר!

*

# "דאס מיינט ער אונז"!...

דער אמת'ער צדיק - - דער רבי איז געקומען קיין אומאן, איז געווען דארטן די מחקרים, אפיקורסים, [שפעטער זענען זיי געווארן אביסל קלענער פון עוסק זיין אין זייערע אפיקורסות] - - איז ממש געווען א חלל הפנוי! אזעלכע מיני חקירות וואס מען קען בשום אופן נישט פארענטפערן, נאר בבחינת "שתיקה"!

(השואל; מען זאגט אויפ'ן רבי'ן, אז דער רבי האט געלערנט מ"נ?) דער רבי האט איהם איבערגעקוקט, און ער האט געזאגט; "ס'איז דארטן דא נחש שרף עקרב וצמאון"! אזוי האט דער רבי געזאגט![ח]

דער רבי זאגט ווייטער סוף תורה[ט] מיט א "ניגון" נעמט ער ארוים - "ארבה, אבן רוח הוא באנוש"[י] - מיט א ניגון נעמט ער ארוים פון דעם! אזא מין ניגון איז דא, וואס מיט דער ניגון נעמט ער ארוים די אלע וואס זענען ארייגעפאלן אין דעם חלל הפנוי - אין דעם אפיקורסות, מיט א ניגון!

*

זיי האבן דאך פארט באקומען אביסל אמונה אויך[יא], דער רבי האט אין זיי אריינגעטוהן אביסל אמונה! זיי האבן שוין געדאווענט! - - -

---

[ח] עי' חיי מוהר"ן אות ת"א ות"ב, וז"ל שם; ... גַּם שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁכְּשֶׁעוֹסְקִים בִּסְפָרִים אֵלּוּ הוּא כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ בְּמִדְבָּר שָׁמֵם שֶׁאֵין לוֹ עִם מִי לִפְגֹּעַ, כָּךְ כְּשֶׁנִּכְנָסִין בִּסְפָרִים אֵלּוּ הַנַּ"ל אֵין מוֹצְאִין בָּהֶם דְּבַר קְדֻשָּׁה, וְהוּא כְּמוֹ הוֹלֵךְ בְּמִדְבָּר שָׁמֵם שֶׁאֵין מוֹצְאִין עִם מִי לִפְגֹּעַ:

וְזֶה שֶׁהוּא ז"ל בְּעַצְמוֹ הָיָה מְעַיֵּן לִפְעָמִים בְּאֵלּוּ הַסְּפָרִים, הוּא בְּחִינַת סוֹד שֶׁהָלְכוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר שֶׁהוּא מְקוֹם הַסִּטְרָא אָחֳרָא. וְאִיתָא בזוה"ק שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה הָלְכוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר, כִּי הֵם דָּרְכוּ עַל הַסִּטְרָא אָחֳרָא בַּהֲלִיכָתָם שָׁם. וּבְכַוָּנָה זוֹ הוּא מְעַיֵּן בָּהֶם בִּסְפָרִים אֵלּוּ שֶׁהֵם בְּחִינַת מִדְבָּר, וְהָבֵן. אֲבָל לָנוּ הוּא אִסּוּר גָּדוֹל מְאֹד לְהַבִּיט בִּסְפָרִים שֶׁל חֲקִירוֹת הַנַּ"ל.

גַּם עַיֵּן בְּהַתּוֹרָה בֹּא אֶל פַּרְעֹה בְּסִימָן ס"ד בליק"א, שֶׁמְּבֹאָר שָׁם גֹּדֶל הָאִסּוּר לִכָּנֵס בַּחֲקִירוֹת, כִּי נִמְשָׁכִין מֵחָלָל הַפָּנוּי וְכוּ', וְשָׁם מְבֹאָר שֶׁהַצַּדִּיק הַגָּדוֹל מְאֹד צָרִיךְ דַּיְקָא לְעַיֵּן בָּהֶם כְּדֵי לְהַעֲלוֹת מִשָּׁם הַנְּשָׁמוֹת שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם עַיֵּן שָׁם.

ועי' גם בביאור הליקוטים על תו' זו אות ט"ו.

[ט] אות ה'.

[י] שם בלקו"מ בסופו, וזל"ק; ... וְזֶה הִנְנִי מֵבִיא מָחָר אַרְבֶּה, רָאשֵׁי תֵּבוֹת אֶבֶן רוּחַ הוּא בֶּאֱנוֹשׁ (אִיּוֹב ל"ב): בְּחִינַת נְגִינָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ. הַיְנוּ, שֶׁאָז יִתְגַּלֶּה הַנִּגּוּן וְהַזֶּמֶר שֶׁל רֹאשׁ אֱמוּנָה כַּנַּ"ל, וְעַל יָדוֹ יִתְבַּטְּלוּ כָּל הָאֶפִּיקוֹרְסִית, אֲפִלּוּ שֶׁל חָלָל הַפָּנוּי כַּנַּ"ל.

[יא] היינו האפיקורסים הידועים מאומאן, שהיו כופרים גדולים ה"י וחכמים גדולים להרע, חשובים וקרובים למלכות, והיה להם קשר עם האפיקורס הידוע מענדעלסאהן ימ"ש, ורביה"ק ז"ל כינה אותם בשם "מצח הנחש", (עי' ליקו"מ תניינא תו' ד'), אך דייקא מחמת זה השתדל רביז"ל לדבר ולעסוק עמהם, להוציאם מהמקום שנפלו, והוא מחמת גודל רחמנותו של רביז"ל על עם ישראל, שלולי זאת 'וואלט דער וועלט גארנישט געקענט אויסהאלטן דאס אפיקורסות וואס זיי וואלטן ארויסגעגעבן', כי הם היו מקור האפיקורסות, ובאותו הזמן המיעוט של כמה חדשים שהיה דר רביז"ל באומאן לפני הסתלקותו - השפילם והכניע את תוקפם, ע"י שהראה להם קורבה בחכמה נפלאה דקדושה, והם נתפעלו מאוד מחכמתו (עי' היטב ליקוטי

זיי זענען געווען צוויי איידעמ'ער מיט א שווער - "חייקל", דער "הירש בער" איז געווען א שארפער אפיקורוס, דער "לאנדא" איז געווען א דאקטער,ביידע זענען געווען איידעמ'ער, און חייקל איז געווען דער שווער.[יב]

דער שווער איז געגאנגען פריער צום רבי'ן, "ער וועט דערזעהן צו ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן" - האט ער זיי געזאגט! אז ער גייט זעהן צו ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן! איז ער אריינגעקומען צום רבי'ן, איז ער אריינגעקומען דער חייקל - -

ס'איז געווען א שבת וואס דער רבי איז דעמאלטס געפארן קיין ברסלב, דער רבי איז ארוים פון זלאטיפאלע, אכט יאר איז דער רבי געווען אין ברסלב, איז דער רבי דעם שבת געהאלטן אין אומאן (בדרכו מזלאטיפאלע לברסלב), פון דארטן איז ער געפארן קיין ברסלב, דער רבי איז איינגעשטאנען דארטן ביי זיין סטאנציע אין א "אכסניא", דעם שבת איז אויך אנגעקומען א גרויסע גענעראל - אנגעקומען קיין אומאן, אקעגן איבער דארט.

אז דער חייקל איז אריינגעקומען צום רבי'ן, מען איז געזעצן דארט, פרעגט דער רבי; "וואס וויל א איד? פארוואס איז ער געקומען"? (ענה חייקל:) "איך האב געהערט ס'איז דא א גרויסער מאן אין שטאט, בין איך געקומען זיך מיט איהם זעהן"! זאגט דער רבי; "דארט איז אויך א גרויסער מאן, פארוואס גייסטו זיך נישט מיט איהם זעהן"?! (היינו הגענעראל הנ"ל), האט ער געשוויגן.

ער איז אוועק געגאנגען, האט ער געזאגט (- לחבריו); ער האט מיר געגעבן אביסל א בזיון, אבער ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן! ער האט שוין געזעהן אויפ'ן רעדן מיטן רבי'ן, אז ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן, נו חברה (לאמיר גיין צו איהם) - - - נאר די ווערטער "דארטן איז אויך דא א גרויסער מאן"! האט ער שוין געזעהן אז ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן.

זיי זענען געקומען צו גיין, ביידע, געקומען צו גיין צום רבי'ן, האט דער רבי גערעדט א שמועס, דער רבי האט גערעדט נאר תורה - גערעדט מיט מענטשן, און

מוהר"ן תניינא תו' צ"א), ונמשכו אחריו ונתבטלו ונכנעו מפניו מאוד, והכנים רביז"ל בלבם מעט אמונה, עד שאחד מהאפיקורסים הנ"ל אמר לפני מוהרנ"ת ז"ל אחר הסתלקות רביז"ל; "רבי נתן, אייך פעהלט דעם רבי'ן?! אונז פעהלט דעם רבי'ן! ווען דער רבי זאל בלייבן לעבן וואלטן מיר געווארן אמת'ע בעלי תשובה"! (כל זה מלוקט משיחותיו של מהרלוי"צ ז"ל במקו"א שאמרם בשם ראבר"ן ז"ל). ועי' חיי מוהר"ן אות ר"ח, ר"ט.

[יב] עי' כל הענין הזה באריכות בספר כוכבי אור - סיפורים נפלאים.

ווען זיי זענען אריינגעקומען, דער רבי האט דאך פאר זיי נישט געוואלט זאגן קיין תורה, אזוי ווי זיי זענען אריינגעקומען, האט דער רבי געגעבן א דריי אוים די שמועס, און אריינגעגאנגען אין א "חשבון", אין א שארפע חשבון!

נו, זיי זעהן אז דאס איז א שארפע חשבון, זיי זעהן אז די חברה (- החסידים של רביז"ל) מיינט ער נישט, זיי זענען נישט שייכות צו דעם חשבון, (האבן זיי פארשטאנען אז) דאס מיינט ער שוין אונז...

ביז דערווייל טראכטן זיי, זעהן זיי אז ס'גייט זיי נישט דעם חשבון (- לא עלתה בידם לתרץ את החשבון). זענען זיי צוגעגאנגען צום רבי'ן; "אז איר ווייסט, זאגט"! - האבן זיי געזאגט צום רבי'ן.

זיי האבן געקלערט - געטראכט ביי זיך דעם חשבון, זיי זעהען אז ס'איז א שארפער טיפער חשבון! טראכטן זיי; "דאס מיינט ער נישט זיי, דאס מיינט ער שוין אונז"! "די חשבון איז נישט שייכות פאר זיי"!

זענען זיי צוגעגאנגען צום רבי'ן זאגן, "נו, זאגט"! האט דער רבי געזאגט דעם חשבון!

דער רבי האט געזאגט דעם חשבון, זענען זיי געווארן צוגעצויגן צום רבי'ן שטארק, און אז דער רבי איז דאך גלייך זונטאג אוועקגעפארן קיין ברסלב, האבן זיי שוין געבעטן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל בלייבן דא! דער רבי זאל בלייבן אין אומאן!

דעם שבת וואס דער רבי איז ארויס פון זלאטיפאלע קיין ברסלב, האט דער רבי געהאלטן שבת אין אומאן - דעם שבת. אזוי גייט דער וועג - פון זלאטיפאלע קיין ברסלב פארט מען דורך אומאן! די וועג גייט דורך אומאן, און דער שבת איז דער רבי געוועזן (אין אומאן).

*

## "דא איז גוט צו ליגן"!

מען פארט דארט פון זלאטיפאלע - פארט מען אויפ'ן "טויטן בריקל", מען רופט עם די "טויטע בריקל"! ווען מען גייט דארטן צום בית החיים, מוז מען דורך גיין

דאס בריקל, רופט מען עם דאס טויטע בריקל! אלע נפטרים מוזן גיין אויף דעם בריקל - אויפן נייעם בית החיים.

(הוא מצייר שם); למשל דא איז דעם רבי'נס ציון, דא גייט א שטיקל וועג, און דא איז דא א בריקל, דארטן גייט אוועק דעם נייעם בית החיים - דארט אהינצו. מוז מען גיין אויף דעם בריקל, דער גאנצער שטאט איז דאך (אויף דער זייט), מוז מען גיין אויף דעם בריקל.

דער רבי איז געווען אקעגן דא - אנטקעגן דעם ארט (- מקום קבורתו), האט דער רבי זיך דא אפגעשטעלט - - איז דא צוויי גירסאות;

(א.) דער רבי איז צוגעגאנגען אויף דעם ארט, און האט זיך אפגעשטעלט דא, און האט פארבראכט א שטיק צייט, און זיך אנגערופן; "אַדאָ איז גוט צו ליגן"! - - דארטן איז שוין געווען די "קדושים", ווען דער רבי איז געווען דארטן איז שוין געווען תקס"ב, תקס"ב צום סוף אלול איז דער רבי אריין קיין ברסלב, און די קדושים זענען געווען תקכ"ו, זעקס און דרייסיג יאר פריער.

(ב.) און א טייל זאגן, אז דער רבי איז נישט צוגעגאנגען צו דא, נאר ער האט נאר אנגעוויזן מיט די האנט; "אַדאָ איז גוט צו ליגן"!

איך האב געהערט אין אומאן אזוי, א טייל זאגן אז דער רבי איז "צוגעגאנגען" אויף דעם ארט, א טייל זאגן אז דער רבי איז "געזעצן אויפן וואגן" און זיך אנגערופן "אַדאָ איז גוט צו ליגן"![יג]

*

דעם שבת האט דער רבי געהאלטן ביי דעם אברהם חיים'ען, זונטאג איז דער רבי אוועקגעפארן קיין ברסלב, "אברהם חיים" האט ער געהייסן - דער ביי וועם דער רבי איז איינגעשטאנען, נאכדעם איז ער געווארן דעם רבי'נס א חסיד, און זיינער זוהן (איז געווען) רבי משה ב"ר אברהם חיים - ער (ר' אברהם חיים) איז געווען א בעל אכסניא, איז דער רבי ביי איהם איינגעשטאנען.

האבן זיי (האפיקורסים) שוין געוואלט אז דער רבי זאל דארט בלייבן - - און אין אומאן איז געווען דער בארדיטשוב'ער רב - אין אומאן - צו ווערן דארט רב (בזמן

[יג] עי' חיי מוהר"ן אות קצ"א, ואות קצ"ז, ואות רי"ז.

קודם לזה), ער איז אויך געווען, נאר ס'איז אריינגעקומען די מחקרים, און אָהן זיי האט גארנישט געקענט זיין, זיי זענען געווען די גאנצע בעלי בתים אין אומאן פון די שטאט, מען האט אהן זיי גארנישט געקענט טוהן!

איז ער (הראש של האפיקורסים הנ"ל) אריינגעקומען זעהן, איז ער אוועקגעגאנגען, ער האט נישט געוואלט אפילו רעדן מיט זיי (הרה"ק מ'בארדיטשוב). און דער שפיטיווקא'ער רב איז געווען דארטן, דער שפיטיווקא'ער - רבי שמשון - איז אויך געווען דארטן, און ער האט אויך נישט געקענט זיין.

דער בעל שם הקדוש איז אויך געווען דארטן, נאך פאר תק"כ, אסאך פריער, נאך פאר תק"כ געווען דארטן, נאך פאר די הריגות - -

*

# "ההרוגים על שמך"

- - מען פלעגט ליינען די מגילה (- קינת אומאן) ו' ז' ח' (- בחודש תמוז), די דריי טעג איז געווען די הריגות, ו' (בתמוז) פלעגט מען ליינען די מגילה פון "פארמעט" (- קלף), ס'האט זיך אנגעהויבן "ויקונן דוד" - האט זיך אנגעהויבן די מגילה, (על שם מחבר המגילה -) דער "רבי דוד חזן" - -

די מגילה איז געווען אין די גרויסע שוהל, קיילעכיג אזוי ווי א מגילה גייט (מגולל), נאר מען פלעגט עס אריינעמען צו אונז אויך דארט, נאכן (ליינען אין די גרויסע שוהל, האט מען) איבערגעליינט די מגילה, עטליכע מאל געליינט.

דער "רבי דוד חזן" איז געווען א גרויסער צדיק, א פאר'באהאלטענ'ער, פון די באהאלטענע צדיקים איז ער געווען! דער בעל שם הקדוש האט איהם גלייך דערקענט (כשהיה הבעש"ט באומאן), ער האט גלייך געזעהן ווער ער איז, - - ער האט געהאט א "מערה" (ר' דוד חזן), מען האט געזאגט - אז פונעם טויט'ן בריקל ביז ראקאווע, דארטן איז געווען א גרויסע מערה, אונטען איז געווען א מערה, און דארטן פלעגט ער זיך מתבודד זיין - דער רבי דוד!

(השואל: דער גרעקעווע'ער וועלדל?) ניין ניין, ס'איז א אנדערע וועג, מען האט עס גערופן "ראקאווע", א געגענט ס'האט געהייסן ראקאווע, אונטען איז געגאנגען א

מערה, פון די טויטער בריקל האט זיך געצויגן א מערה א גרויסע שטח, און דארטן פלעגט ער זיך מתבודד זיין, דער רבי דוד.

האט דער בעל שם הקדוש געזאגט צו איהם; "אין דיין גארטל וועלן זיך אסאך מענטשן אנהאלטן"! אין דיין גארטל וועלן זיך אסאך מענטשן אנהאלטן!

און ער איז גלייך אריין אין די מערה (ר' דוד, בעת שפרצו הרוצחים ימ"ש באומאן), "זעכצן מענטשן" האבן זיך אנגעהאלטן אין איהם, "זעכצן מענטשן" זענען אויך אריין אין די מערה, און זיי זענען דארטן געווען דריי טעג, און זיי האבן געהערט די קולות מיט די געוויינען מיט די געשרייען וואס ס'איז געווען אין אומאן - ס'איז געוואלדיג געווען.

נאכדעם ווען ס'איז געווארן שטיל, האבן זיי פארשטאנען אז ס'איז שוין קיינער נישט דא, זענען זיי ארויס, איז געווען א "טייך בלוט" - איז געווען אין די גאנצער שטאט, א טייך מיט בלוט, ס'איז קעפ, מיט אלעם - מיט אברים, "דרייסיג טויזנט מענער געווען" - שטייט דארט אין די מגילה!

דארטן איז געקומען פון "טעפליק", און פון נאך עטליכע דערפער ארום און ארום - איז אלעם געקומען קיין אומאן (שחשבו להינצל שם מההריגות).

א גרויסער "גראף" (- מושל העיר), ס'איז געווען א גראף, ער האט ליב געהאט אידן, "ער וועט איהם (ראש הרוצחים) נישט ארייגלאזן" - האט ער געזאגט - דער גראף! זענען אלע אנטלאפן קיין אומאן, און דארטן זאלן זיי ניצול ווערן פונעם גזלן, איז געווען דרייסיג טויזענט מענער.

א פלא, דעמאלטס איז געווען אזא מין קידוש השם - אז ער האט זיי געגעבן א בחירה, [היטלער ימח שמו האט דאך גע'הרג'עט, ער האט נישט געוואלט נעמען קיין תשובה (- ברירה) אויך], אבער ער האט זיי געגעבן א בחירה!

ער האט אוועקגעשטעלט א "חופה", ביי די גרויסע שוהל, [דארטן פלעגט מען טאקע געבן אלע חופות (של החתונות)], האט ער אוועקגעשטעלט א חופה, און אונטען איז געווען א צלם, "ווער ס'גייט אינטער די חופה לאזט ער לעבן", האבן אלע מקדש השם געווען! קיינער האט נישט געוואלט גיין אונטער די חופה! איז א קידוש השם געווען פון "דרייסיג טויזענט מענטשן" - האבן מקדש שם געווען שמו יתברך!

א געוואלד!!! מען האט דאך זיי געגעבן א בחירה, און קען זיין ס'איז געווען נישט אזעלכע פרומע אויך, אבער "קיינער" איז נישט געווען אז ער זאל זאגן אז ער זאל גיין אונטער די חופה![יד]

עטליכע איז געווען דארטן גרויסע גיבורים, קצבים, זיי זענען געווען גיבורים גרויסע, האבן זיי זיך געשלאגן מיט זיי, זיי האבן גע'הרג'עט אסאך מענטשן פון די רוצחים, אבער נאכדעם האט מען זיי אויך גע'הרג'עט, זיי האבן אסאך מענטשן גע'הרג'עט פון זיי, מיט כוחות, עטליכע מענטשן.

- - - אז מען האט נאכדעם געזעהן (כשעזבו הרוצחים ימ"ש את אומאן), מען קען דאך נישט מאכן א גרוב, ווי קען מען מאכן א גרוב?! (שיכיל את כל ההרוגים הי"ד). האבן זיי אויסגעגראבן - ער (רבי דוד חזן) מיט זיינע זעכצן מענטשן, האבן זיי אויסגעגראבן דארטן צוויי גרויסע גריבער, צוויי גרויסע טאלן! - -

ביי דעם רבי'נס ציון איז געווען אמאל צוויי גרויסע טאלן, היינט דערקענט מען נישט אזוי, דעמאלטס האט מען דערקענט, אינמיטן א טאל, אין צוויי גרויסע העכערע, העכערע דאס איז געווען צוויי גרויסע גריבער, און דארטן האט מען מקבר געווען די אלע דרייסיג טויזענט (קדושים) - ער מיט זיינע מענטשן!

דער אויבערשטער האט זיי געגעבן כוחות, זיי האבן געמאכט גרויסע גריבער, אין איין גרוב האט געקענט אריין פופצן טויזענט מענטש, נישט קיין גרוב - (נאר) א גאנצע טאל!

האט ער - רבי דוד מיט זיינע מענטשן צונויף גענומען די אלע בלוט, מיט די אלע אברים, ער איז דאך געווען א איד א צדיק, האט ער אלעם געטוהן כדין, אלעם געטוהן ווי עס דארף, ער האט זיי געבראכט לקבורה.

(השואל; וואס איז געווען די בערג?) ממילא איז געווען אינמיטן א טאל, ס'איז געווארן איצטער העכער, צוויי בערג, א קבר איז דאך אויך אביסל העכער, ביי אזויפיל טויזענטער מענטשן, איז דאך אסאך העכער, ממילא איז געווארן א טאל, און ס'איז געווארן צוויי בערג (און אינמיטן איז געווארן א טאל)! אזוי האב איך געהערט אין

[יד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' פ'; ... כִּי מְסִירַת נֶפֶשׁ עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, בְּוַדַּאי מְרֻצֶּה כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ הַקַּל שֶׁבַּקַּלִּים כַּנַּ"ל, וּכְמוֹ שֶׁכְּבָר רָאִינוּ בְּחוּשׁ בַּדּוֹרוֹת שֶׁלְּפָנֵינוּ שֶׁכַּמָּה אֲנָשִׁים קַלִּים וּפְחוּתִים מָסְרוּ נַפְשָׁם וּמֵתוּ עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם אַשְׁרֵי לָהֶם ...

אומאן - די צוויי בערג, דא ליגן די אלע קדושים! אז מען קומט פון בית המדרש, זעהט מען די בקעה, און מען זעהט די צוויי (בערג) העכער.

(השואל: אין די בית החיים אליין איז געווען צוויי בערג?) יא, יא!

*

נו, דער רבי האט דאך געוואוסט וואספארא קידוש השם דארטן איז געווען, גדולים איז דא דארטן, צדיקים געוואלדיגע! גדולים צדיקים איז געווען אין אומאן, חוץ וואס איז דארטן געווען די געוואלדיגע קידוש השם - אז אידן זאל זיך אוועקגעבן ממש די האלדז פאר'ן אויבערשטן, און קיינער זאל נישט זאגן אז ער גייט ארונטער די חופה, ס'איז דאך א געוואלד! ס'איז דאך א געוואלד! מען געבט זיי א בחירה, אז ער וויל בלייבן לעבן, - ניין! אלע נישט, אלע נישט! האט דער רבי געזאגט: "אַדאָ איז גוט צו ליגן"! דאָ איז גוט צו ליגן!

*

דער דאזיגער גראף (מושל אומאן הנ"ל) האט געהאט א טאכטער, און דער גראף האט זיי נישט אריינגעלאזט (הרוצחים), ארום און ארום איז געווען חומה, ער האט פארמאכט די טויערן, נישט אריינגעלאזט זיי, האבן זיי אנגעהויבן צו קנאקן. די איינציגסטע טאכטער האט געהייסן "סאפיע", האט ער געזאגט (ראש הרוצחים): אויב ער וועט אריינגיין - ער וועט דאך ברעכן די טויער - וועט ער גלייך הרג'ענען די טאכטער זיינע! ער האט געזעהן (דער גראף) אז ס'איז שלעכט, האט ער געעפנט דעם טויער, און ער איז אריין, און האט גלייך גע'הרג'עט דעם טאכטער! דערפאר הייסט די גארטן (בעיר אומאן) אויף איר נאמען "סאפיע".

(השואל: ער האט געמאכט די גארטן?) נישט ער האט געמאכט, מען האט געמאכט דעם גארטן, האט ער א נאמען געגעבן - הייסט עס אויף איר נאמען "סאפיע"!

*

נו זיי האבן גע'הרג'עט דריי טאג, ו' תמוז, ז' תמוז, ח' תמוז! (נאר אין אומאן?) ניין, נאך שטעט! דער "גאנטע" איז געגאנגען אסאך שטעט - גאנטע, ער איז געגאנגען דאכט זיך ביז "שווארץ טומאה" - "שדה לבן", אז מען פארט פון אומאן קיין קיעוו פארט מען דורך דאס, דארטן איז א ארט - הייסט עס "שווארץ טומאה" - דארטן די

קלויסטער, די אידן רופן עס "שווארץ טומאה", א שווארצער טומאה, א שיינער שטאט דארטן!

ביז מען איז געוואר געווארן אין פעטערבורג פון איהם (מהרציחות), אמאל איז דאך נישט געווען אזוי ווי היינט - ס'האט געדויערט חדשים, ביז ס'איז אנגעקומען פול מיט מיליטער פון דארטן, און ער איז שוין געווען דארטן, זיי האבן געזעהן אז ער האט שוין א גרעסערע מאכט, האבן זיי געזאגט זיי ווילן איהם קרוינען פאר "מלך"! (כך אמרו לו בערמה). נאר וואס דען, זיי גייען אריין און נאכדעם וועלן אריינגיין (אלע אנדערע), און דער מיליטער זאל בלייבן אינדרויסן - נישט אריינגיין מיט איהם.

האבן זיי שוין נאכדעם אויסגע'הרג'עט די מיליטער, און איהם האבן זיי ארויף געזעצט אויף א גאלדענער שטוהל, דעם שטוהל האבן זיי אנגעגליהט פון פייער, דאס איז געווען דער "גאנטע" - אויף א גאלדענער שטוהל אנגעגליהט פון פייער! און ער איז געזעצן אויף דער שטוהל, האבן זיי געהאקט פון די פלייש - - - און ס'איז מיט זיי איז געווארן א מפלה.

*

# "ציון המצוינת"

ממילא האט דער רבי געזאגט אויף דעם ארט (היינו; אז דא איז גוט צו ליגן!) - אויף דעם ארט.

אבער ס'איז שוין אוועקגעגאנגען אסאך (יארן), דאס איז געווען תקב"ו (ההריגות), און דער רבי איז נסתלק געווארן תקע"א, דאס איז אסאך יארן געווען.

האט מען בכלל שוין דארט נישט געלייגט (בבית החיים הישן הנ"ל), אלעס איז געווען די אלע קברים - אביסל איז געווען, מען האט געוואוסט - א הונדערט יאר פארן רבי'ן איז געווען דארטן איינער א מגיד, "דער מגיד'ס שטיבל" (אוהל על קברו), אויך א גדול, ער איז געליגן פאר'ן רבי'ן, איז געווען דארט עטליכע ערטער, מען קען נאך לייגן עטליכע קברים אין די זייט - האט מען נאך געקענט לייגן, אבער מער האט מען נישט געלייגט, און בכלל איז געווען אנגענומען אז דער פלאץ זאל מען נישט לייגן!

אבער אז רבי נתן האט געוואוסט פונעם רבי'ן, אז דער רבי האט נאר געוואלט ליגן דא! אזוי ווייט, אז די טירהאוויצ'ער - אונזערע מענטשן - האבן געוואלט נעמען דעם רבי'ן קיין טירהאוויצע, און די טעפליק'ער האבן געוואלט נעמען דעם רבי'ן קיין טעפליק, יעדער האט געוואלט האבן די זכיה דער רבי זאל ליגן דארטן! רבי נתן האט געוואוסט אבער, אז דעם רבי'נס רצון איז נאר געווען - "נאר דא"! און אז ער איז געקומען קיין אומאן נאר צוליב דעם - ווייל ער האט געוואלט ליגן דא! און דא רעדט מען גאר פון טעפליק, פון טירהאוויצע, האט רבי נתן געזאגט צו די מחקרים (שכן היה רצון רביז"ל, אמרו לו;) רבי נתן איר ווייסט אזוי?! גוט! איז ער אוועק געגאנגען (הראש שלהם), ארויסגענומען א "רשיון", די רעגירונג האט נישט געגעבן קיין רשיון צו דארטן לייגן, דארט קען מען שוין נישט לייגן קיין מענטשן. האבן די מחקרים געזאגט; רבי נתן איר ווייסט אז דער רבי האט געוואלט ליגן נאר דא? זאגט ער; יא! האט מען געמאכט א רשיון, אבער א קליינעם רשיון, נאר אויף צוויי פלעצער, מער נישט, דערפאר טאקע דעם רבי'נס ציון (האוהל שעל קברו) איז א קליינעם שטח; קברו הקדוש - און נאך אזוי פיל (כלומר שטח נוסף בגודל של קברו הקדוש), מער נישט!

(וואס איז דער חשבון פון נאך א קבר?) מענטשן דארפן דאך אריינגיין, מען וועט דאך נישט שטיין אויפ'ן קבר! אויפ'ן קבר וועט מען שטיין? האבן זיי געגעבן אזוי - אז מען זאל קענען אריינגיין, מער נישט, מער האבן זיי נישט געוואלט געבן! דערפאר איז דער רבי'נס ציון געווען א קליינעם שטח, א קליינע שטיבל.

(השואל; אבער ס'איז געווען נאך א ציון אין אוהל?) ס'איז געווען לעבן דעם עפעס א קבר, נישט אינעם אוהל! אז מען קומט אריין, האט עס געכאפט רעכטס, אז מיר פלעגן גיין האט עס געכאפט רעכטס.

(אחד מהנוכחים מהזקנים; ס'איז געווען א מצבה אנגעשפארט אויף דעם וואנט -) אביסל געווען אנגעשפארט, יא.

*

דער טשערינער רב האט זיך אסאך מטפל געווען מיט דער זאך, ער איז געווען א גאון עולם, ער האט זיך אסאך מטפל געווען מיט דער זאך, ער האט פארשטאנען, אלעם געוואוסט.

אז מען קומט אן פון דעם שוהל, פונעם קלויז קומט מען אן (צום ביה"ח), גייט מען דאך אזוי; דא איז די טרעפ, מען קומט אהער צו - דא, האט ער געמאכט א קליינעם וועג ביזן רבי'נס ציון, א "שביל", ער האט געוואוסט זיכער אז דער שביל איז א ריינער שביל, איז דאס איז דער שביל, דא קען מען גיין, דא (בצד השביל) קענען שוין נישט גיין קיין כהנים, נישט דא און נישט דא! אז די כהנים פלעגן גיין, פלעגן זיי זיך פארקאטשען די פאלעס (כנפי בגדיהם), זיי זאלן נישט איבערגיין מיט די פאלעס, נישט אין דער זייט און נישט אין דער זייט!

דאס איז א גרייז וואס ס'שטייט דארטן (בציור הישן של אוהל ציון רביז"ל, ואחד יושב אצל הפתח) אז דאס איז "רבי ישראל טירהאוויצער", דאס איז נישט ריכטיג! ווייל רבי ישראל טירהאוויצער איז דאך געווען א כהן, ער וועט נישט זיצן אינדרויסן - דארטן דער "ציור" - די ציון איז אויסגעמאלט די מענטשן, זאגן זיי אז דער אלטער איד איז רבי ישראל טירהאוויצער, ער זיצט דארט, דאס איז נישט ריכטיג! ווייל ער וועט נישט זיצן דארטן, ער איז דאך א כהן, די כהנים פלעגן אריבערגיין אינגיכן!

אוודאי, ער איז דא געווען א כהן, "רבי חיים כהן" (אביו של ר' ישראל הנ"ל). (השואל: רבי חיים סטאלער האט געהייסן כהן?) יא, כהן!

(השואל: אז מען איז געקומען פון קלויז, די טיר פון אוהל, איז געווען קעגן קלויז, צו פון דער זייט?) ניין, די טיר איז נישט געווען, ס'וועגדט זיך פון וואו מען קומט, דאס איז די בית המדרש, און דאס איז דער ציון, (רבי לוי יצחק מצייר להם המקום) דאס איז דער אריינגאנג, דא איז דער פענסטער, דא איז דעם רבי'נס ציון - האלב (משטח האוהל), און האלב איז - (שטח ריק כדי לעמוד שם כנ"ל), מען גייט אריין דא, איז מען אריינגעגאנגען אין דער האלב, דא איז געווען א פענסטער'ל, ס'איז געגאנגען צו - - דא איז נאך געווען א פענסטער'ל, אהינצו, ווייטער, צו פושקענע צו.

(השואל: וואו איז געווען די אריינגאנג צום קלויז?) די אריינגאנג צום קלויז איז געווען ווייטער, דא, פון דארטן, פון יענע זייט, דא איז געווען פענסטער'ס פון די זייט, דא איז מען אריינגעגאנגען צום רבי'ן, דא איז געווען א שמאל שטעשקע'לע (שביל צר), מען איז אריינגעגאנגען, איז דא איז שוין געווען די פענסטער צו פושקענע.

*

בכלל דארטן, אפילו אהן דעם רבי'נס ציון - זיין דארטן אין דעם חלקה אליין - איז א געוואלדיגע הייליגע ארט, אזא מין קידוש השם וואס דארטן איז געווען!

איך האב געהערט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס; "טויזענטער יאר איז אזא קידוש השם נישט געווען"!

* * *

# "שבירת הכלים"

מיר האלטן תורה ס"ד סעיף ב';

דער רבי זאגט; **וְדַע, שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵי מִינֵי אֶפִּיקוֹרְסִית** - ס'איז דא צוויי מיני אפיקורסית, **יֵשׁ אֶפִּיקוֹרְסִית, שֶׁבָּא מֵחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת** - דער רבי וועט רעדן ווייטער אז דארטן קען מען יא טוהן תשובה, דארטן איז דא אותיות.

"חכמות חיצוניות" איז נישט נאר א מענטש גייט אוועק מיט א אייגענעם שכל - מיט א "שכל חיצוני", נאר דער רבי זאגט דארטן;[טו] אז מען נעמט נאר אריין א מחשבה רעה, א מחשבה זרה, דאס איז אויך א שכל חיצוני! די חכמה דארף מען אויסנוצן נאר פאר'ן אויבערשטן, און אז נישט - הייסט ער "חיצוני", א אויסעוויינינגסטע חכמה!

אמאל, צופיל חכמות - אפילו ס'איז נישט קיין רע גמור, אבער דערפון ווערט אפיקורסות! אז דער מח איז גלייך צום אויבערשטן - "חכמה" איז נאר חכמה פון אידישקייט, א "גלייכע חכמה", - וועט דערפון נישט ווערן קיין אפיקורסות, אבער א חכמה וואס ס'איז אביסל חיצון - אביסל נאר אינדרויסן, כאטש ס'איז נישט קיין רע גמור, קען שוין ווערן דערפון אפיקורסות!

*

דער רבי זאגט דאך אין תורה ל"ה, פון "שלמה", די "בת פרעה", אז מען נעמט אריין א שכל חיצוני - זאגט דער רבי - אז מען נעמט אריין א שכל חיצוני אין מח, גייט אראפ דער מלאך גבריאל, און נעמט אריין א שטעקן אין מח אריין, און דארט

---

[טו] תו' ל"ה.

בויעט זיך אוים אלע מידות רעות! אינגאנצן דער יצר הרע קלעבט זיך צו צו דעם שכל חיצוני!

א שכל אז מען נוצט איהם אוים נישט "לשם", הייסט עס א "חכמה חיצוני", דערפון קען שוין ווערן אפיקורסות!

אבער דארט איז דא דער "וְדַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס", ווייל "האפיקורסית הזאת" איז נאך דא אויף איר א תשובה, ס'האט זיך טאקע גענומען פון א שכל חיצוני, פון חכמה, אבער ער קען זיך דארטן ארויסדרייען צוריק, ער זאל זיך אומקערן.

כִּי זֹאת הָאֶפִּיקוֹרְסִית בָּא מֵחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, שֶׁהֵם בָּאִים מִמּוֹתָרוֹת, מִבְּחִינוֹת שְׁבִירַת כֵּלִים - וואס הייסט פון "מותרות"? אז דער אויבערשטער האט דעם מענטשן באשאפן מיט חכמה, האט ער עס איהם געגעבן כדי אז דער מענטש זאל נאר נוצן דער חכמה! אזוי ווי א מענטש אז ער האט עפעס א זאך - אז ער האט מערער, האט ער מותרות! ער האט מערער! אזוי פיל דארפסטו האבן - און מערער דארפסטו נישט האבן!

מען האט דיר געגעבן חכמה, האט מען דיר געגעבן "די חכמה" - נאר צו אויסנוצן לשם! אז ער נעמט די חכמה אויף א חיצוניות'דיגע זאך, איז עס שוין מותרות, פון מותרות איז שוין געווען שבירת כלים, קען שוין דערפון ווערן אפיקרסות, אבער ס'איז דארטן דא אותיות אויך.

*

כִּי מֵחֲמַת רִבּוּי הָאוֹר נִשְׁתַּבְּרוּ הַכֵּלִים - פון וואנעט איז געווארן שבירת כלים? פון רבוי האור איז געווארן - "נשברו הכלים"! אז איך לייג אריין אין א כלי אריין צופיל, ווערט צובראכן די כלי, אבער ס'איז דארטן עפעס יא דא, ס'איז דאך יא דא, נאר וואס דען? ס'איז "צופיל"! אפילו שכל חיצוני - דאס הייסט "צופיל", נעם נאר דעם שכל אויף דאס וואס דו דארפסט, נישט אויף אנדערע זאכן, אז יא - הייסט עס א בחינת "רבוי אור" ווערט דערפון "שבירת כלים".

וּמִשָּׁם נִתְהַוּוּ הַקְּלִפּוֹת כַּיָּדוּעַ - חכמות חצוניות איז שייך אפילו ביי א תלמיד חכם, דארף ער זיך אויך היטן[טז] - ער האט טאקע שכל, אבער נישט נוצן צו דער זייט, נאר "גלייך", אינעווייניגסטע! "שכל חיצוני" איז אינדרויסן, ס'איז 'חיצון'!

*

# "עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס"

וְחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת בָּאִים מִשָּׁם, הַיְנוּ מִשְּׁבִירַת כֵּלִים, מִמּוֹתְרוֹת פְּסֹלֶת הַקְּדֻשָּׁה - אזוי ווי ביי א מענטשן איז דא - כַּמָּה מִינֵי מוֹתָרוֹת וּפְסֹלֶת, כְּגוֹן צִפָּרְנַיִם וְשֵׂעָר וְזֵעָה. ס'איז א פליאה גדולה - די 'צפרנים' איז דאך מותרות, ס'איז א קליפה, און היינט איז געווארן איגנאנצן - מען פארבט די נעגל, א גאנצע געשעפט מאכט מען מיט די נעגל! 'שער' - שער איז דאך מותרות, מאכט מען מיט די האר - גאנצע געשעפטן מאכט מען מיט די האר, גאנצע געשעפטן מאכט מען מיט די שערות, ביי זכרים ביי נקבות, א גאנצע געשעפט איז דא מיט די שער, און סך הכל איז עס גאר מותרות, כאפט דער רבי אן, 'צִפָּרְנַיִם וְשֵׂעָר וְזֵעָה', וּשְׁאָר פְּסֹלֶת וּמוֹתָרוֹת.

די זאך איז דאך - די זאך פון צפרנים - ס'ווערט געבראכט אז די "כתנות", די לבושים פון אדם הראשון - זענען געווען פון 'צפרנים', אבער צפרנים - אונזערע צפרנים דארף מען זיך אפשניידן די נעגל, נישט מאכן קיין שום געשעפטן מיט די נעגל - גרויסע נעגל, מאכן די נעגל, פוצן די נעגל, פארבן די נעגל...

דאס איז א מין מותרות, וואס קען ווערן דערפון אפיקורסות, דער אמונה קען שוין ווערן אויסגעקרומט! די אמונה איז שוין נישט גלייך, (כאטש) מען קען נאך ארויס פון דעם אפיקורסות, אבער אפיקורסות איז עס!

*

כֵּן כָּל חָכְמָה חִיצוֹנָה בָּא מִמּוֹתָרוֹת וּפְסֹלֶת יְדוּעָה שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה - ס'נעמט זיך אלץ פון די קדושה, נאר וואס דען? ס'נעמט זיך פון "מותרות"! די קדושה דארף האבן אין זיך א וועג גלייך - אז דאס איז קדושה, דאס איז קדושה, און ווייטער

[טז] עי' ליקוטי הלכות הל' בית הכנסת ה' אות כ"ד.

ארוים פונעם גבול איז שוין (מותרות), פון דעם וואס ער גייט צופיל! אז ער פאלט אריין אין "מותרות" - איז דער ארוים! קען ער אריינפאלן אין אפיקורסות אריין.

דער מענטש דארף האבן א "גבול", דאס איז דער וועג, דא איז חושך - און דא איז ווייטער צופיל אור! אזוי ווי מען טאר נישט גיין אין חושך, טאר ער נישט גיין דא אויך, ער האט א גבול!

אז דער אויבערשטער העלפט איהם, אז דער מח זיינער וועט זיין אין אידישקייט מערער, ועסטו האבן א שענערן גבול, וועט זיין דיין גבול אביסל ווייטער, דו וועסט האבן א גרויסען גבול, אבער בשעת דו האסט דעם גבול דא, דאס איז דיין גבול, איצטער האלטסטו ביי דעם גבול! זאלסטו נישט גיין אין חושך, און דו זאלסט נישט גיין אהערצו אויך, דאס איז פאר דיר צופיל אור! דאס הייסט אויך מותרות![יז]

דער בעל דבר, אמאל ער זעהט ער קען איינעם נישט כאפן מיט חושך - ארייןווארפן אין תאוות, ער לאזט זיך נישט, האט ער א אנדערע וועג - ער גייט איבער דער גבול פון דער זייט! האט ער איהם אויסגעכאפט! וויבאלד ער גייט ארוים פון זיין גבול, איז נישט קיין נפקא מינה; צו ער גייט אריין אין חושך, צו ער גייט אריין אין דער זייט! ער איז ארוים פונעם גבול! אז ער איז ארוים פונעם גבול קען ער (פאלן ח"ו).

אז דער אויבערשטער וועט דיר העלפן שפעטער, דו קענסט וואקסן, דיין גבול וועט זיין ווייטער, וועסטו דארטן קענען גיין ווייטער, דו וועסט אויך האבן א גבול.

דו וועסט אויך האבן א גבול! ווארום - אפילו בן עזאי און בן זומא זענען אויך ארוים פונעם גבול![יח] זיי זענען ארוים פונעם גבול, זיי זענען דאך געווען גרויסע צדיקים, אבער זיי זענען ארוים פונעם גבול, "הציץ ונפגע", זיי זענען ארוים פונעם גבול! און ווער שמועסט ביי די קלענערע מענטשן - א מענטש דארף זיך קענען, א מענטש דארף זיך ציהען צו די העכסטע מדריגה, ס'איז דאך אמת, אבער ער דארף ויסן "ביי וואס האלט איך"?!

---

[יז] עי' שיחות הר"ן אות רכ"ד; ... שֶׁכָּל אָדָם וְאָדָם יֵשׁ לוֹ בְּחִינַת מַה לְּמַעְלָה מַה לְּמַטָּה וְכוּ' לְפִי מַדְרֵגָתוֹ שֶׁאָסוּר לוֹ לְהִסְתַּכֵּל בָּהֶם ... וְהַכְּלָל שֶׁכָּל אָדָם בְּמָקוֹם שֶׁמִּסְתַּיֵּם שִׂכְלוֹ אָסוּר לוֹ לְהַלֵּךְ יוֹתֵר, כִּי זֶהוּ אֶצְלוֹ בְּחִינַת מַה לְּמַעְלָה מַה לְּמַטָּה, רַק לִסְמֹךְ עַל אֱמוּנָה לְבַד:

[יח] עי' גמ' חגיגה י"ד ע"ב ענין ארבעה שנכנסו לפרדס.

מען דארף זיך ציהען, אבער שוין זאגן א דיעה?! א מענטש, ער גיבט זיך א ציה אהער, זאגט ער שוין א דיעה; "דער טויג נישט, און דער טויג נישט"! ער רעדט שוין אויף יענעם, וואס איז דען? ער ציהט זיך דאך צו די העכסטע מדריגות?! אבער דאס איז שוין ארויס פונעם גבול!

דו דארפסט וויסן ווער דו ביסט - דאס איז מיין גבול, און דערביי האלסטו! דארפסט טאקע ווערן שענער, דו דארפסט בענקען, בעטן דעם אויבערשטן דו זאלסט ווערן שענער, אוודאי - דער מענטש דארף ווערן שענער! אבער בשעת איך בין דא, דארף איך וויסן "איך בין דא", וויסן אז איך בין דא - וואו איך האלט!

*

דאס איז אינגאנצן דער ענין פון "התבודדות", וואס איז התבודדות? איך דארף וויסן וואו האלט איך, נאר וואס דען? איך וויל ווערן שענער, איך וויל ווערן שענער, איך וויל ווערן בעסער! אבער - וויסן וואו איך האלט!

איך בין דאך נישט געווארן שענער?! איך בעט דאך דעם אויבערשטער איך זאל ווערן שענער! דו וועסט טאקע מארגן ווערן שענער, וויל מער! די קדושה האט נישט קיין גבול, "תוספות קדושה"! אבער בשעת איך בין דא, (אויב ער גייט ארויס פונעם גבול -) איז ער ממש "עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס", דאס איז דאך א לשון הגמרא, "עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס".[יט]

בשעת דו ביסט דא - וויים וואו דו ביסט, דו דארפסט האבן דרך ארץ, מקיים זיין "ואת יראי השם יכבד"! דו מיש זיך נישט, דו - וויים ביי וואס דו האלטסט, דו האסט דיין פעקל!

דערפון נעמט זיך אויך אפיקורסות! כאטש איך גיי דאך, ניין! - דאס איז דיין גבול, גיי נישט ווייטער! כאטש ס'נעמט זיך פון קדושה, אבער דאס איז מותרות!

*

[יט] עי' ליקוטי הלכות הל' נותן טעם לפגם ב'; ... כִּי מִכָּל הַמְּקוֹמוֹת יְכוֹלִין לַחֲזֹר לַה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי הָאֱמֶת, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁיּוֹדְעִין הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְכָל אֶחָד מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, כִּי עִקַּר הַפְּגָם הוּא עַל יְדֵי הַשֶּׁקֶר שֶׁהוּא בְּחִינַת הֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת, שֶׁזֶּה בְּחִינַת תַּחַת שָׁלֹשׁ רָגְזָה הָאָרֶץ תַּחַת עֶבֶד כִּי יִמְלֹךְ וְשִׁפְחָה כִּי תִירַשׁ גְּבִרְתָּהּ, וְזֶה בְּחִינַת עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה זִמְרִי וּמְבַקֵּשׁ שָׂכָר כְּפִינְחָס, אֲבָל כְּשֶׁמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ וְיוֹדֵעַ גֹּדֶל רִחוּקוֹ מֵה' יִתְבָּרַךְ, אַף עַל פִּי שֶׁבֶּאֱמֶת הוּא כָּךְ, עַל יְדֵי זֶה יוּכַל לַחֲזֹר לַה' יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל...

# "המכיר את מקומו"

(השואל: פון וואו קען מען וויסן וואס איז "ריבוי אור"?) צו דעם דארף מען אויך אסאך בעטן דעם אויבערשטן, א מענטש דארף וויסן - אסאך בעטן דעם אויבערשטן ער זאל וויסן ביי וואס ער האלט!

ער זאל זיך נישט לאזן נאר'ן, ער זאל וויסן א חשבון, אזוי ווי א ריכטיגע "מזכיר"! א גוטער מזכיר - ער פירט א חשבון, ער ווערט נישט נתפעל - דער מזכיר וואס שטייט מיט טויזענט קונים, ס'איז דא א תור, ס'רעש'ט זיך, מ'וויל קויפן סחורה, ער שרעקט זיך נישט איבער, "איך וויל וויסן וויפיל דער חשבון איז"!

עס קען זיין א רעש, א טומל, מיט קונים און קונים, און אונטן איז ער גאר באנקראט! וועט ער נתפעל ווערן אז ס'שטייט אין תור מענטשן וואס ווילן קויפן ביי איהם סחורה? איך וויל וויסן וויפיל איז דער "ריוח", וויפיל איז דער "היזק", וויפיל מען האט "פארקויפט", א חשבון וואו ער האלט!

א מענטש דארף אויך האבן א חשבון וואס איז געווען מיט מיר די היינטיגע טאג, וואס האב איך די היינטיגע טאג געהאט רווחים, וואס האב איך געהאט היזק? מחשבות, ראיות, געדאנקען, וואס? לאמיר וויסן דעם חשבון, איך האב טאקע געטוהן געטוהן, אבער דעם חשבון - וואס הערט זיך, וואס טוט זיך!

א מענטש אז ער וועט וויסן א חשבון, וועט ער וויסן, ער וועט זיך נישט לאזן נאר'ן, איך בעט טאקע דעם אויבערשטן איך זאל ווערן שענער אלע טאג, אבער איך ווייס וואו איך האלט! איך ווייס וואס מיט מיר טוהט זיך, איך ווייס ביי וואס איך האלט!

*

ס'איז א גרויסע זאך אז דער מענטש ווייסט וואס ער האלט, איז אמאל א "קלענערער מענטש" קען זיין ביים אויבערשטן מער חשוב'ער - ווי א "גרויסער מענטש" וואס ער ווייסט נישט וואו ער האלט!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה קי"ב "באיזה מדריגה נמוכה שהוא"- נאר וואס דען? "ער מיינט מיט אן אמת", איז עס ביים אויבערשטן אזוי חשוב, אז דאס איז דער אור! דער אויבערשטער - "ה' אורי"! (עיי"ש).

א מענטש איז אפילו גרעסער - אבער ער נארט זיך, ער איז גרעסער, האט ער שוין דמיונות - ער האט שוין דאס! האט דער אויבערשטער פון דעם קלענערן מענטש מער נחת רוח!!

ער איז טאקע א קלענערע מענטש, ער האלט ביי גאר קלענער, אבער ער ווייסט ווער ער איז - און האלט זיך ביי זיינס! און דער גרויסער - ער איז טאקע גרויס - אבער ער פליהט העכער, ער קריגט זיך מיט דעם, קריגט זיך מיט דעם, וואס קומט ארויס? ער איז גרויס?! ער גייט ארויס פון זיין גבול!!

איך ווייס דאך דאס דאזיגע - קלענערע מענטשן האבן געמאכט בעסער ווי גרויסע מענטשן! פארוואס? ווייל ער האט זיך געקענט, "אַדאָם בין איך", איך בין דאס, במילא דארף איך האבן דרך ארץ פאר יעדן איינעם, איך דארף זיך נישט מישן אין קיין שום געשעפטן, איך דארף זיך נישט קריגן מיט קיינעם!

אז איך ווייס ווער איך בין - איך וויל ווערן בעסער - אבער אז איך וויל ווערן בעסער, קען איך נאכנישט זיין קיין עזות פנים קעגן יענעם, (אפילו) איך וויל ווערן בעסער, איך וויל ווערן בעסער, אז איך וויל ווערן בעסער קומט מיר שוין?! - - -

'פון די מותרות ווערט אפיקורסות'!

אַף שֶׁבְּוַדַּאי צָרִיךְ לִבְרֹחַ וּלְהִמָּלֵט מִשָּׁם. אַךְ אַף־עַל־פִּי־כֵן מִי שֶׁנּוֹפֵל לְשָׁם, אֶפְשָׁר לוֹ לִמְצֹא הַצָּלָה לָצֵאת מִשָּׁם. כִּי יוּכַל לִמְצֹא שָׁם אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם יְבַקְשֵׁהוּ וְיִדְרְשֵׁהוּ שָׁם.

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **אליעזר וואלדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

~ פטרון השיעור ~
מוה"ר **יושע יצחק אלטר פיש** הי"ו בארא פארק יצ"ו
**לרגל אירוסי בתו תחי'**
עב"ג הבה"ח **מרדכי דוד ראזענבערג** הי"ו

נתנדב לזכות
**אברהם בן רבקה הענא** הי"ו
לרפואה שלמה בתושח"י